היינט 8 זייט.

Radom, dnia 12 Grudnia 1930 r.

ראדאם, פרייטאג כב כסלו תרצ״א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:
אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ'ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען 8 שפאלטען
אין טעקסט 4


# ראדאמער-קעלצער לעבען


Z intencji zaślubin
p. Ludwika Gutsztadta z p. Eugenją Richtmanówną
życzymy dużo szczęścia, zadowolenia a Rodzicom pociechy.
*Tajtelbaumowie.*

Ludwikowi Gutsztadtowi
z okazji zaślubin z p. Eugenją Rychtmanówną
szczęścia i zadowolenia na nowej drodze życia składa
*Bernard Senator.*

Ludwikowi Gutsztadtowi
z intencji zaślubin z p. Eugenją Rychtmanówną
życzenia tą drogą składa
*Abram Rajchman.*

ברכת מז״ט חפת לחברינו אברהם לונברג
לנשואיו עם העלמה מרת חי סימה זריצקי מחמלניק
יזכו לבנות את ביתם בארץ חמדתנו
הסתדרות „צעירי-מזרחי" בקלצה.

Koledze Markowi Müllerowi
z intencji Jego zaręczyn z p. Rózią Rajsówną
najserdeczniejsze życzenia składa
Kielce MIETEK RUBINSZTAJN

צום 10-יעהריגן יובילעאום פון „בית-יתומים"
ווערט איינגעאָרדנט דעם 13 דעצ ה. ה.
א דאנסינג
— אין צוקערניע —
פון פשיביטניעווסקי
דער דאנסינג וועט זיך אויסצייכנען מיט פערשידענע
אטראקציעס, סורפריזען, ווי: שעהנהייט'ס-קאנקורס,
א קאנקורס פאר'ן שענסטען טאנץ,
פאנטען-לאָטעריע א. אז. וו.

**WYNAJMĘ MAGAZYN SUCHY**
trwały w bliskości dworca kolejowego
Radom o wymiarach 20 mtr. na 10 mtr.
Oferty składać w redakcji pod „magazyn"
podając czynsz roczny wraz z płatnikiem
sytuacyjnym.

טעאטער „ראָזמאַיטאָשטשי" ראדאם
פרייטאג דעם 12 ה. ח. אנהויב 845

טעאטער „פאלסקי" קעלץ
שבת דעם 13 ה. ח. אנהויב 845

נאך צו 1 פאָרשטעלונג
עס וועט געשפילט ווערן די ג-עסטע סענסאציע וואס איז געשפילט געוואָרען
אויף די אייראָפעאישע און אמעריקאנער בינעס
א. נ. דאס געשרײ פון געוויסען (ה' לאמפערטהער)
מיט'ן אנטהייל פון דעם בעריהמטען ארטיסטען-פאָרל
אידא קאמינסקא און זיגמונד טורקאוו

געלעגענהייטליך צו פערקויפען
א אייזערנע קאסע
אין זעהר א גוטען צושטאנד פאר א צוגענגליכע פרייז
ערקונדיגען זיך אין רעדאקציע ר. ד.

איצט אָן און ווייטער וועט דער יודישער נאַציאָנאַל-פאָנד געדרודפ'ט ווערען אין א"י. ווי ווייט מעגליך וועט מען איהם שווערער מאַכען זיין אַרבייט, שטערען אין דערוואַרבען נייע ערד אין קאָלאָניזירען יודען אויף זיין שוין דערוואָרבענער ערד.

איך ווייס נישט ווי גרויס ס'וועט זיין די מעגליכקייט צו קויפען באָדען און קאָלאָניזירען אויך אין די נעכסטע טעג. איינס אָבער ווייס איך:

אז דער יודישער נאַציאָנאַל-פאָנד איז געווען אונזער נאַציע שטענדיג ליב, וועט ער איהר פון איצט אָן ווערען 10 מאָל ליבער און דוקא דערפאַר, וואָס מען רודפ'ט איהם.

ווייל אונזערע שונאים ווילען דעם יודישען נאַציאָנאַל פאָנד פערניכטען, דאַרפען מיר איהם שטיצען. מיט אַלע אונזערע כוחות, ממש זיך מוסר-נפש זיין פאר איהם.

און דאן קענען מיר זיכער זיין, אז דאָס בייזע, וואָס אונזערע שונאים אינ'ם קאָלאָניאַל אַמט און אין דער אראַבישער עקזעקוטיווע ווילען, וועט קיינמאָל נישט פערווירקליכט ווערען און וועט נישט געשעהען!

# וואו איז דער ראדאמער לאַקאטארען-פעראיין?

ווען עס האַנדעלט זיך וועגען א נייע גזירה אויף די לאָקאטאָרען און עס הערען זיך פּראָטעסטען פון גאַנצען לאַנד, שווייגט דער ראדאמער לאָקאטארען-פעראיין און מען הערט אַבסאָלוט נישט, אז ער זאָל נעמען א וואָרט אין דער דאָזיגער ברענענדער פראַגע.

אין די פאָליטישע מיסנעבעגדע קרייזען פראַגט מען זיך ארום מיט א פראָיעקט צו העכערען דאָס דירה-געלד אויף קנאפע 100 פּראָצענט, א פראָיעקט, וואָס איז עלול נאָך מעהר צו פערשאַרפען דעם אזוי אויך גענוג הערשענדען קריזיס און פשוט דערפיהרען דערצו, אז טויזענדער מענשען זאָלען בוכשטעבליך בלייבען אָהן א דאַך איבער'ן קאָפּ — אין אזא מאָמענט, ווען ס'איז נויטיג, אז ס'זאָלען געהערט ווערען די שטימען פון די פיעל טויזענדער בעדראָהטע און נאָך מעהר פון די יעניגע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פערטיידיגען די לאָקאטאָרען-אינטערעסען, גראד אין אזא ערנסט-פולער צייט ווייזען די ראדאָמער לאָקאטאָרען ארויס א אונפערשטענדליכע גלייכגילטיגקייט, גלייך ווי זיי וואָלטען געוואָהנט ערגיץ אין מרחקים און די נייע גזירה וואָלט זיי גענצליך נישט אָנגעגאַנגען.

ביז גאר אונפערשטענדליך איז דאָס שטילשווייגען פון ראדאמער לאָקאטאָרען-פעראיין, וועלכער רעאַגירט גאר נישט אויף דעם און געפינט אפילו נישט פאר נויטיג צוזאַמענצורופען א פערזאַמלונג מיט'ן צוועק אויסצוקלערען די פאטאלע פאָלגען פון דעם נייעם פראָיעקט. וועלכען מען מוז אָבווענדען אין אָבפרעגען.

ווער עס געדענקט ווען און ווי אזוי דער ראדאָמער לאָקאטאָרען-פעראיין איז געגרינדעט געוואָרען און וואָס ער האָט אַלץ אויפגעטוהן לטובת די לאָקאטאָרען אין ראזום — דער ווייסט געוויס, אז דער ראדאָמער לאָקאטאָרען-פעראיין איז געווען פון די סאַמע ערשטע פיאָנערען אויפ'ן געביעט פון לאָקאטאָרען-שוץ. לויט'ן מוסטער פון ראדאָם און אויפ'ן סמך פון די סטאַטוטען פון היגען לאָקאטאָרען-פעראיין זענען דערנאָך אזעלכע פעראייגען געשאַפען געוואָרען אין פיעל שטעדט.

טאַקע צוליב דעם טעם, וואָס דער ראדאמער לאָקאטאָרען-פעראיין האָט הינטער זיך אזא אויפטהועריש און לייכטונגספולע פערגאנגענהייט, איז א גרויסער חידוש, וואָס מען הערט היינט נישט פון איהם אזוי ווי ער וואָלט אינגאַנצען איינגעשלאָפען, נישט ווייסענדיג לחלוטין פון דעם נייעם גזעץ-פראָיעקט וועגען דער 80-פּראָצענטיגער דירה-העכערונג.

חייסען מיר דאָך, אז אפילו נאָך


די שטאָדט-גאזאווניע

— פערקויפט —

הורט און דעטייל

פרעפּאַרירטע סמאָלע — קארבאָלינעאום

און קאָקס

צו בעדייטענד ביליגע פרייזען

— פיהרט אויס —

גאז-אינסטאלאציעס

וואַננע אייוועלעך

קיכלעך צו קאָכען

אייוועלעך צו וואַרימען

— בעשטעלונגען נעמט-אָן —

GAZOWNIA MIEJSKA

MŁODZIANÓW, Tel. 134 skrz. p. 28


# אוועקגעריסען פון לעבען...

(פון די היינטיגע פּאַסירונגען)

א פערצוגטע, א אימרוהיגע איז דינה געזעסען אין איהר גאָרטען אויף א באַנק. איהר שעהן פנים האָט אויסגעדרוקט צו זיין זעהר פּרויריג. דער הייסער מאָרגען-ראָק מיט די שפּיצען פערפּוצט, וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגען, האָט איהר צוגעגעבען זעהר פיעל חן, כאָטש דאָס פנים איז ביי איהר געווען זעהר בלאַס. אויפ'ן הייסען האלדז האָט זיך געבאָמבעלט עטליכע שנירלעך פּערעל. די זון האָט איהר געדיכטען טונקלען קאָפּ בעגאָסען אזוי, אז איהרע האָר האָבען אויסגעזעהן, ווי צעשמאָלצען קופּער. פון איהרע גרויסע, ברוינע מאַנדעל-אויגען האָבען זיך געקייקעלט טרערען. אזוי זיצענדיג איז דער מאַן צוגעקומען צו איהר.

— דינה האָט ער געזאָגט — וואָס איז מיט דיר, וואָס דו ווינסט שוין ווייטערן

א דערשראָקענע האָט זיך דינה אומגעקוקט. אז זי האָט געזעהן דעם מאַן, האָט זי די טרערען גיך אויסגעווישט, זי האָט גיט געקאָנט רעדען, גאר טיעף דעם שעהנעם, שטאָלצען קאָפּ צו דער ערד געבויגען.

— דינה! האָט דער מאַן אָנגענומען איהרעביידע הענד און געזאָגט — זאָג מיר פאַרוואָס ביסטו טרויעריג. און פערפייניקסט מירן פערגעס נישט, דו האָסט צו שאַפען איבער א פערמעגען פון זעכציג טויזענד גילדען און איבער אזא הויז מיט'ן גאָרטען. אחוץ דיינע ברילאַנטען מיט דיינע מלבושים און דיינע פוטערס.

דאָס ריכטיגע – פאַרוואָס דינה איז טרויריג. איז וואָס זי, א יונג מיידעל פון צוואַנציג יאָהר קאָן בשום אופן מיט א אַלטען מאַן, וואָס איז דריי מאָהל אזוי אַלט, ווי זי, נישט לעבען — דאָס האָט זיך בשום אופן דעם אַלטען נישט געקאָנט פאָרשטעלען; ס'שייטש ביי אזא רייכקייט, איהר פעהלט דאָך נישט ביי מיר פון פויגעל מילך. האָט זי גאָך מיט מיר צו ברעקלען זיך — צי האָב איך זי דען געצוואונגען, זי זאָל מיט מיר חתונה האָבען...

אמת טאַקע, ער האָט זי נישט געצווינגען. נאָר דערפאַר האָבען זי די עלטערן געצווינגען... זיי האָבען איהר פון דעם געליבטען אָבגעריסען דערפאַר, וואָס ער איז אָרים און דער אַלטער איז רייך — דערפאַר האָבען זי די עלטערן געבייס, אז זי זאָל מיט איהם חתונה האָבען. דינה איז ארומגעגאַנגען, ווי א שאָטען. זי האָט מיט קיינעם נישט גערעדט און אז מען האָט זי געפרעגט די סיבה, פאַר וואָס זי איז אזוי טרויריג, פערצווייפעלט, האָט זי געענטפערט מיט שווייגען. ווען די עלטערן האָבען זיך ארומגעקוקט, אז זיי זענען געגען זייער אייגען קינד שלעכט זיך בעגאַנגען. ווען זיי האָבען דעם פעלער בעדויערט — פאַרוואָס זיי האָבען זייער אייגען קינד כמעט מיט געוואַלד געצווינגען, זי זאָל חתונה האָבען מיט'ן אַלטען מאַן, וואָס איז דריי מאָהל עלטער פון איהר, אבי זיי זאָלען האָבען

# אידא קאמינסקא
## און זיגמונד טורקאוו אין ראדאם.

אמת'ע אויסגעבענקטע חשוב'ע געסט.

שוין לאנג האט דאס קינסטלער־פאר'ל נישט אויפגעטרעטען ביי אונז אין ראדאם. אויף זייער טורנעע איבער פוילען האבען אידא קאמינסקא און זיגמונד טורקאוו נישט פערגעסען אין אונזער שטאדט, וואו זיי האבען אזוי פיעל חסידים און פערעהרער.

זיגמונד טורקאוו קומט נאר וואס צוריק פון ריגא, וואו ער האט א לענגערע צייט געשפיעלט אין רעזשיסירונג'ס־טעאטער און וואו זיין נאמען איז דערהייבען געווארען צו אזא קינסטלערישע מדרגה, אז מ'האט איהם דארט געקרוינט אלס קעניג פון דער יודישער ביהנע.

דאס קינסטלער־פאר'ל, וואס איז באמת א שטאלץ פאר'ן יודישען טעאטער, זענען היינט חשוב'ע און אנגעלעגטע געסט פון ראדאם, שוין באו"ד א פנים חדשות וואס פערדיענען אויף א װארימען קבלת־פנים. ס'איז נאר א שאד, א גרויסער שאד, וואס אונזערע ליבע געסט גיבען נישט מער ווי איין אויפטריט. שטענדיג איז זייער רעפערטואר־מיניםום בעשטאנען פון 2 — 3 פארשטעלונגען און פארוואס היינט נישט מעהר ווי איין פארשטעלונג?

פארוואס?

# ב'שטעטיגט דעם
## קהלה - בודזשעט

די טצג איז צוריקגעקומען פון ווארשא דער גמינע־בורזשעט פון 1930 בע־שטעטיגט גע דורכ'ן מיניסטעריום

דער איצט בעשטעטיגטער בודזשעט איז נאך איבערגעארבייט געווארען און דאס מיניסטעריום האט די דאזיגע פאזיציעס געשטראכען, אדער די פריהערדיגע גמינע־פערוואלטונג האט זיי באלד נישט אריינגעשטעלט.

דער פריהערדיגער קהלה פערוואלטונג און איצט זענען פערהאן איינ'גע געשטראכענע סובסידיעס פאר א רייהע אינסטיטוציעס. ס'איז נישט קלאר, צי

# פאניע שאפער א ביסעלע פארזיכטיגער!

צו דער מאדערנער געזעלשאפט פון היינטיגען יאהרהונדערט איז לעצטענס צוגעקומען נאך א מיטגליד — דאס איז דער ה' שאפער.

ס'האט קיינער, חלילה, נישט דאגע־גען. פערקעהרט, דאס איז דאס נייסאדערנסטע פאך. אויטאס, טאקסובוסעס, אויטאבוסען, דאס זענען די קינדער פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט און ווען זיי געהען ארויס אויף שפאציר מוז מען מאכען א ווארע און אויס־רומען פנו מקום. ס'איז נישט קיין קליינעקייט. ס'שמעקט מיט פראגרעס, קולטור, טעכניק און דער עיקר מיט בענזין. ס'וואלט אלץ געווען גוט און וואויל נאר בסה דברים אמורים ווען דער ה' שאפער אלס דער מחוך און ערציהער פון נייעם קולטור־קינד זאל זיין א ביסעל פארזיכטיגער און זיך נישט פערלאזען בלויז אויפ'ן בעני־זין.

ווען מען קאן זיך דאס דערבעטען וואס מען פערשפארט דעם "ספארט" פון שפרינגען אויף ביימער, קלעצער, ראדען, שטאלען און בערג. ס'וואלט אייך אויסגעמיטען געווארען אט אזא מין "קליינעקייט", וואס האט פאסירט כמעט ביי אונז אין ראדאם היינטיגע וואך.

אט למשל אזא "קליינשטיקער" פאקט: עתערנעכטען פיטהאך איז דער ה' שאפער פון סאסקי'ס אויטאבוס ארויס־געפאהרען אין קיילעכדיגען מארק אויף א יודישע פוהר און אויף דער ברישקע פון דער קראנקע־קאסע. דער ויתרוצצו האט פעראורזאכט, אז די דישלעס פון ביידע ווענען זענען צו־בראכען געווארען און דאס פערד פון קראנקען־קאסע איז פערווינדעט גע־ווארען. ס'איז געווארען א אנגעלויף, און די פאליציי האט דעם שאפער מיט זיין "כליי" דעם מאיעסטעט אויטאבוס ארעסטירט און אבגעפיהרט אין קאמי־סאריאט.

נאך א גליק, וואס איז געווען קיין מענשליכע קרבנות. די פורמאנעס פון ביידע וועגענער דארפען לויבען און דאנקען דעם בעל־מלאך, וואס איז ממונה איבער די מאשין־גולם'ס.

ה' שאפער, אפשר וואלט איהר אויך געטהון די טובה און פארט געווען א ביסעל'ע מעהר פארזיכטיגער!




— די — שענסטע **טאפעטען** צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען

אין דער לאנג־יעהריגער פירמע

**ש. שטיינמאן**

ראדאם, לובלינער 21.



# קעלצער אבטיילונג.

## פאר זשאבאטינסקי'ס בעזוך אין קעלץ.

ווי מיר האבען פאראויסגעזעהען, האט זשאבאטינסקי'ס פארטראג אין קעלץ ארויסגערופען דעם גרעסטען אינטערעס. לויט די שטארקע פראינטערעסירונג פון אלע שיכטען פון דער קעלצער יודישער בעפעלקערונג איז צו זעהען, אז דער בעזוך פון בעריהמטען ציוניסטישען מנהיג וועט פערוואנדעלט ווערען אין אן אימפאזאנטען נאציאנאלען יום-טוב.

אין דער איצטיגער שווערער צייט פאר'ן ציוניזם, ווען גרויסע כמארעס האבען זיך בעוויזען אויפ'ן ציוניסטישען האריזאנט, איז דער נאמען זשאבאטינסקי א ליכט אין דער שווערער סיטואציע. זיין צינדענד'ע ווארט און לאגישע איבערציינגונגען וועלען זיכער פערגעסערן אלע פערצווייפעלטע געדאנקען.

זשאבאטינסקי רעדט א. ד. ט. „אין וואס בעשטעהט אונזער הטא און וואו איז דער אויסוועג". ער וועט בעריהרען אלע פראבלעמען פון די ציוניסטישע פאליטיק אין די לעצטע יאהרען.

אין טאג פון בעזוך ערשיינט אין קעלץ א ספעציעלע אויסגאבע געווידמעט דעם חשוב'ען גאסט.

20 מינוט פאר זשאבאטינסקי'ס רעפעראט אין „פאלאס" וועט דעמאנסטרירט ווערען א פילם פון דעם לעצטען צוזאמענפליה פון „ברית-תרומפלדר" אין ווארשא.

פון דער גאנצער ארומיגער פראווינץ קומען אן ביטעס צו רעזערווירען פלעצער פאר א גרויסע צאהל בעזוכער. עס איז אבער געבליבען א בעגרענעצטע צאהל בילעטען, וועלכע עס איז צו בעקומען אין איניגע פונקטען אין דער שטאדט.

אין לאנד וועט זיין אלץ מעהר כח און איינהאלט וועט בעקומען אונזער פאליטישער קאמפף. מיט א פערדאפעלטער קראפט מוז פארטגעזעצט ווערען אונזער ארבייט, אונזער נאציאנאלער קאפיטאל, דארף ווי ביז איצט, דורכלעגען דעם וועג פאר דער חלוצ'ישער יוגענד, דארף אין א פערגרעסערטער מאס געבען הילף און קרעדיט דעם מיטעלשטאנד, ער דארף אויך ווייטער בעפרוכטערן יעדען ווינקעל פון אונזער ארבייט און לעבען.

שווער איז די לאגע פון די פוילישע יודען, נאר גראד אין מאמענטען פון יסורים און נסיונות האט דאס פוילישע יודענטום ענטפלעקט זיין איינערליכען כח. אין די שווערסטע צייטען האט עס ארויסגעוויזען זיין אפפערוויליגקייט, זיין אונגעבראכענעם מוט, זיין געטרייקייט צו אונזער לאנד און צו אונזער אויפבוי-ארבייט.

אויך איצט וועט דאס פוילישע יודענטום זיך אברופען און זיין ענטפער וועט זיין א מוסטער פאר דער גאנצער יודישע וועלט.

עס האבען זיך געענדיגט צעהן יאהר זייט דער „קרן-היסוד" איז געגרינדעט געווארען. דאס יאהר דארף מיט זיך אנהויבען א תקופה פון א בענייטער און א פערגרעסערטער ארבייט.

מיר פראקלאמירען און הויבען איצט אן דעם קאמפיין פאר'ן „קרן היסוד" פאר דעם פאנד וואס בויט ארץ ישראל. אונזערע שליחים וועלען אין יעדער יודישער הויז ארייננטראגען די בשורת פון ארץ ישראל און פאדערען די זעלבסט-בעשטייערונג פאר'ן פאלק און לאנד. איך בין זיכער, אז קיין איינציגער שטאלצער און טרייער יוד וועט נישט פעהלען אין דער קארען-ליסטע פון די וואס בויען דאס יודישע לאנד און די יודישע צוקונפט.

**ל. יפה.**

## אויסבעסערונג.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם נאטיץ „צו דער אויפמערקזאמקייט פון די האנדווערקער", וואס איז געדרוקט אין פאריגען נומער פון אונזער צייטונג, ווערען מיר געבעטען אויסצובעסערן פאלגענדעס:

א דאנק דער אינטערווענץ פון די יודישע ראטמענער אין דער האנדווערקער קאמער איז דער עקזאמען אבצאהל רעדוצירט געווארען נאר אין אויסנאהם פאלען. דהיינו ווען די בעטרעפענדע פערזאהן געפינט זיך אין א קריטישע מאטעריעלע לאגע און ער איז פאקטיש נישט ביכולת צו בעצאהלען די געפאדערטע 140 זלאטיס פאר'ן עקזאמען. נאר אין אזעלכע פאלען איז געלונגען אויסצופועל'ען א הנחה אויף 50 זל. ווייטער איז די געוועהנליכע נארמע פאר'ן עקזאמען אבצאהל — 140 זל.

## זיגמונד טורקאוו און אידא קאמינסקא אין קעלץ.

היינט שבת-צו נאכט'ס טרעטען אויף אין טעאטער „פאלסקי" די בעריהמטע ארטיסטישע פארל אידא קאמינסקא און זיגמונד טורקאוו.

אין קיעלץ ווערט ערווארטעט זייער גאסטראל-אויפטריט מיט גרויס אינטערעס.

דאס מאהל וועלען זיי שפיעלען א שפאנגעל נייע זאך, וואס בלויז פון נאמען קען מען משער זיין אז דער אינהאלט איז א רייכער און א פיליאגענדיגער.

## צו די יודען אין פוילען.

ברידער!

איך האב אייך געבראכט דעם רוף פון ארץ-ישראל און איך בין זיכער, אז ער וועט געפינען דעם ריכטיגען אפקלאנג און ענטפער אין פוילישען יודענטום.

אין דער פרט פון די פאליטישע געשעהעניששען האבען די יודען פון פוילען ווידער פאר דער גאנצער וועלט דאקומענטירט זייער ליעבע און אונערשיטערליכע טרייהייט צו ארץ-ישראל, זייער צוזאמענהאנג מיט דער אויפבוי-ארבייט אין אונזער לאנד.

די דאזיגע טרייהייט און איבערגעבענהייט וועט דאס פוילישע יודענטום ארויסווייזען, ווי ביז איצט, אויך דורך אונאויפהערליכע פאזיטיווע שעפערישע לייסטונגען פאר און אין ארץ-ישראל.

אין יעדער ארבייט און שאפונג אין ארץ-ישראל זעהען מיר די בעטייליגונג פון פוילישען יודענטום. אין ארץ-ישראל געפינען זיך שוין ביז 44.000 יודען פון פוילען. די פוילישע יודען האבען אריינגעבראכט אין לאנד מענשען-מאטעריאל, קאפיטאל און א נטערנעמונגס-גייסט און האבען זיך אויסגעצייכענט אויף יעדען געביט פון אונזער אויפבוי-ארבייט.

אויך ביי די איצטיגע פאליטישע שוועריגקייטען זענען יא אונגעהויערע מעגליכקייטען פון ארבייט אין ארץ-ישראל.

עס דארפען פערפעסטיגט ווערען די פאזיציעס וואס זענען ביז איצט געשאפען געווארען, כדי צו עפענען מעגליכקייטען פאר נייע שעפערישע און פרידליכע עראבערונגען. עס מוז בעזעצט ווערען דער באדען, וואס געפינט זיך אין יודישע הענד. עס מוזען געשאפען ווערען ארבייטס-מעגליכקייטען פאר דער יוגענד, וואס רייסט זיך קיין ארץ ישראל, און דאן וועט פאר איהר נישט זיין קיין אנהאלט ארייננצוקומען אין לאנד. עס דארף געגעבען ווערען א מעגליכקייט פאר די אימיגראציע און קאלאניזאציע פון מיטעלשטאנד, פאר וועלכע עס עקזיסטירען אויך נישט קיין אויסערליכע שוועריגקייטען.

אויף קיין איינציגע מינוט מאר נישט אפגעשטעלט ווערען אונזער ארבייט אין ארץ-ישראל. מיר קענען זיי נישט אבהענגיג מאכען פון צייטווייליגע פאליטישע שוואנקונגען. די פאליטישע גזירות וועלען אבגעשוואכט ווערען, וואס שטארקער אונזער ארבייט

Koledze naszemu HILEROWI KOCHENOWI
z powodu przedwczesnej śmierci Jego siostry
B. P. SALOMEJI
wyrazy głębokiego i szczerego współczucia wyrażają
KOLEŻANKI i KOLEDZY
Banku Kupiecko-Spółdzielczego
w KIELCACH.

**Kasa Spółdzielczo-Kredytowa**
Spółdz. z odp. ogr.

מאכט דערמיט בעקאנט, אז די באנק איז
# איבערגעטראגען געווארען
פון לובלינער 25 אויף לובלינער 23
אין פראנט, ערשטער שטאק.
די באנק ערלעדיגט אלערליי באנק אפעראציעס.
נעמט אויך אן אינקאסעס אין אלע שטעדט צו ביליגע פרייזען.

---

**Z okazji zaślubin**
Ludwika Gutsztadta z p. Eugenją Rychtmanówną
najserdeczniejsze życzenia składa
*Rodzeństwo ROZENBERG*
(Rwańska 21)

---

Z intencji zaślubin
p. Frydy Kormanówny z p. Joskiem Warszenbrotem
składam swe najszczersze życzenia na nowej drodze,
wiele szczęścia i powodzenia
*Landau Leon*

---

אנו מברכים בברכת מז"ט את חברינו י ה ו ד ה צ ו ק ר
לנשואיו את העלמה מרת ח ו ה ש מ ד ר ה
ינחילהו ד' רוב אשר והצלחה ויזכה לבנות ביתו—בית נאמן לעמו ולהורתו
על אדמת ארצנו — ארץ משאת נפשינו
ועד והסתדרות „צ ע י ר י - מ ז ר ח י" ברדום.

---

# זיכערע הילף און א רפואה

אהן א אפעראציע, אהן בלוט, אהן א מעסער, און אהן בלוט-פערגיסונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער, ווייבער און קינדער, פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס און פ'ס,




פערלאזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-ברוך ווערט גרויס אזוי ווי א מענשן קאפ אדער אזוי ווי א וואסער-קאן און עס פאלט אריין אין דעם כוס און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראנדיג און שטערבליך. ספעציעל גומענע הייל-באנדאזשען אויסגעצייכענט גיט דורך גרויסע פראפעסארען מיט מיינע בעהאנדלונג און פון דייטשען פראפעסאר דאקטאר בראכגרעווינג בעזייטיגען זיכער דעם שווערסטען און געפעהרליכסטען ברוך, אויך פאר הויקערס לייבובגען מיט הייל-גארסעטען און אפאראטען פאר פערקרימטע פוס און פלאט-פוס ספעציעלע איינלאגען אין די שיך. קינסטליכע גומענע פיס און הענד, גומענע זאקען פאר די גרעסטע קראנקע אדערן.

עמפפאנגט א גאנצען טאג אהן איבעררייס.

## Hotel Europejski, Radom p. Nr. 17

בעמערקונג: דאס פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונבעדינג נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען: פראפ. ד"ר באראנטש, דיר. י. מאריעלער, גראפ. ד"ר בר. קיעלאנאוסקי און אויך אנדערע

מיר נעמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע

ד א נ ק ז א ג ו נ ג.

איך דאנק הערצליך דעם דיר. סאגא ראפאפארט פון לעמבערג קראשיצקי 8, וועלכע נעמט יעצט אן אין ראדאם, האטעל איירעפעיסקי 17 פאר איהר אויסערגעוועהנליכע און ווירקזאמע היילונג מיינע רופטור, טראגענדיג א גומענעם באנדאזש פון די פרוי ראפאפארט. איך פיהל זיך זעהר גוט פאר וואס איך דריק איהר אויס מיין אינניגסטען דאנק. מיט אכטונג

**JAN MATCZYK**

---

**Magistrat m. Radomia rozpisuje niniejszym przetarg ofertowy na WYDZIERŻAWIENIE**
Miejskiej Komunikacji Autobusowej
**m. RADOMIA**

Oferty w zapieczętowanych kopertach, opatrzonych napisem „Oferta na wydzierżawienie M. K. A.", należy składać do rąk Kierownika Tymczasowego Zarządu m. Radomia w Radomiu, Magistrat, Rynek. Do oferty dołączyć należy kwit na wpłacone do Kasy Miejskiej Magistratu m. Radomia wadjum przetargowe w wysokości zł. 1 000.

Magistrat zastrzega sobie prawo dalszych pertraktacji z wybranymi przez się ofertami, jak również prawo swobodnego wyboru i oceny ofert bez względu na warunki w nich podane.

Informacji odnośnie warunków eksploatacji M.K.A., warunków ruchu i szczegółów technicznych, udziela Dyrekcja Miejskiej Komunikacji Autobusowej m. Radomia w dnie powszechne od godz. 9 do 12-ej (Radom, Basenowa 20 gmach admin. Rzeźni Miejskiej). Tam też są do obejrzenia autobusy i urządzenia garażowe.

Oferty, które wpłyną po dniu 31 grudnia 1930 r. nie będą rozpatrywane.

**KIEROWNIK**
**Tymczasowego Zarządu miasta**
(—) **Wiktor Pietrusiewicz.**

---

## א וועקסעל אויף א סומע פון 300 זל.

אויסשטעלער מאגיסטראט חיעלאן ביי טשענסטאכאוו צאהלבאר 1 מערץ 1931, צעדירט אויף פירמע י. שימקאוויאק № 338 האט מען אויסגענארט ביים ה' אינוש. סאצינסקי. דורך דעם ווערט דאס וועקסעל אונגילטיג.

ד. בלאשמאן פלאוואצקי 20.

---




*Kino dźwiękowe „SWIT"*
Dziś i dn. następnych
# JANKO MUZYKANT
w rol. gł.: Marja Malicka i inn.
Nad program: Wspaniałe dodatki dźwiękowe.




---

*Kino „Nowe Czary" Teatr*
Dziś i dni następnych!
**Fanfary Śmierci**
w roli gł. **Renee Andore**
—Nad— program **Czarny Dżokiej**

*Kino ODEON Teatr*
Od poniedziałku 1 Grudnia r. b.
**Pod Banderą Miłości**
w roli gł. **Zbyszko Sawan**
—Nad— program **Pat i Patachon**

*Kino CORSO Teatr*
Dziś i dni następnych
**Tajemnica Chińskiej Dzielnicy**
w roli gł. najsilniejszy człowiek świata
**Joe Bonomo i [illegible] Hajand**

Redaktor Ch. M. Herc
„Drukarnia wyd. „[illegible] Leben" [illegible]